

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג הסוכות
תשפ"א לפ"ק
גליון קל"א

## פראגע
### וואס זאלן עלטערן טון מיט די קינדער חול המועד?

**ענטפער:**

עס איז זייער וויכטיג פאר עלטערן צו מחנך זיין זייערע קינדער צו **שמחת יום טוב!** אסאך עלטערן מיינען אז שמחת יו"ט מיינט ארויסצונעמען די קינדער אויף א רייד אדער גיין צו די פארק אדער צו די זאָ. ס'איז גארנישט שלעכט דערמיט, אבער דאס איז **סתם שמחה**, נישט **שמחת יו"ט**.

צו מחנך זיין קינדער, אפילו קליינע קינדער, אז היינט איז יום טוב, היינט איז חול המועד, איז זייער וויכטיג ביים בויען א אידישע היים. זעץ דיר אראפ און מאך א קליינע מסיבה, א 5 מינוטיגע מסיבה לכבוד יום טוב. מיטוואך נאכמיטאג, דאנערשטאג, פרייטאג נאכמיטאג. א קליינע מסיבה איז וויכטיגער ווי צוויי שעה אין בראנקס זא אדער ווער ווייסט וואו.

א גוי האט אויך בראנקס זא, אבער מיר ווילן האבן אריסטאקראטישע הייזער פון פרינצן און פרינצעסינס. זעץ זיך אראפ און רעד פאר אפאר מינוט וועגן יום טוב; זאג פאר די קינדער, "לאמיר זינגען לאמיר זינגען אתה בחרתנו", אדער אן אנדערע ניגון. און דערנאך פרעגט, "קינדערלעך, אמת מיר האבן א געשמאקע צייט יעצט?" און זיי שרייען, "יאָ! יעצט לאמיר גיין צו בראנקס זאָ!"

אבער דאס איז געוואלדיג, דו טוסט אויף אין דיין מיסיע. ווייל די פאר מינוט האט אראפגעשטעלט דעם יסוד.

## פראגע
### וואס מיינט באמת שלמה המלך מיט'ן פסוק "הבל הבלים"?

**ענטפער:**

עס מיינט אזוי: אויב א מענטש האט אמאל געגעסן א רעפטל ברויט, און כדי עס גרינגער אראפצושלינגען האט ער ארויפגעלייגט אביסל דזשעם דערויף, און קומענדיגע מאל באשליסט ער צו לייגן נישט נאר דזשעם נאר אויך פינאטס, און שפעטער לייגט ער שוין דזשעם, פינאנטס, און אביסל האניג דערויף, און נאך א ווילע ווערן שוין די שיכטן דיקער ווי די ברויט זעלבסט. קומט יעצט קהלת און זאגט, אז דער מענטש מאכט א גרויסן טעות.

מען איז נישט געקומען דא אויף דער וועלט סתם **נאכצויאגן תענוגים**, נאר מען איז דא אויף דער וועלט **אויסצונוצן די תענוגים** פאר א וויכטיגערן צוועק. במילא, ווען מען הייבט אן צו לייגן דיקערע שיכטן ווי די ברויט זעלבסט, ווייזט עס אז מען אנערקענט נישט די גוטסקייט פון סתם ברויט, און ס'איז הבל הבלים.

ווען א מענטש פארשטייט אז ער איז דא אויף דער וועלט פאר א ציל, און דער ציל איז צו זינגען שירה! "כל האומר שירה בעולם הזה זוכה ואומרה לעולם הבא", מיר זינגען אויף דער וועלט, כדי צו קענען זינגען אויף יענער וועלט פאר אייביגע אייביגקייטן. אזא מענטש נוצט ריכטיג אויס די וועלט. ער נוצט די אלע געוואלדיגע חסדים און הנאות פון דער וועלט, צו אנערקענען די חסדי ה' און זינגען צו אים.

אבער אויב ער פרובירט צו טרעפן מער זאכן צו הנאה האבן, נישט צו זינגען, א מענטש לויפט נאך תענוגים און ער זינגט בכלל נישט, ווייל ער קוקט אייביג פאר מער און מער. ווי **מער** ער לויפט נאך הנאות, אלס **ווייניגער** האט ער הנאה פון זיי. צי ווייסט איר ווער ס'איז די מערסטע אומצופרידן? די מענטשן וואס לויפן ארום זוכן "גוד טיימס". זיי פארן

ארום בײנאכט אין זײערע קארס און זוכן זיך נאך הנאות. אויב זיי וואלט געווען צופרידן וואלטן זיי געבליבן אינדערהיים.

דערפאר קומט "קהלת" אונז דערמאנען נישט צו מאכן דעם טעות – "הכל הבל!" וואס האט מען פון עסן די אלע זאכן? מען נעמט גוטע זאכן, קאסטבארע נאשעריי, און מען פארוואנדלט עס צו עווענטועל אין מיסט. וועגן דעם דארף מיר האלטן אין **מחשבה** אז די זאכן האבן א **ציל**.

אבער ווען מען קומט צום סוף פון קהלת זאגט ער שוין נישט "הכל הבל", ער זאגט "סוף דבר **הכל נשמע**" – אלעס איז יעצט **פארשטענדליך**. "את אלקים ירא". אויב מען נוצט אלעס אויס פאר'ן צוועק פון ווערן א ירא השם, פון זיין באוואוסטזיניג אין השי"ת, יא, דאן האט אלעס א ציל. ס'איז שוין גארנישט הבל.

דער מדרש זאגט אויף קהלת, "בורא משבחם, ואתה מגנם?" דער בורא לויבט אויס די וועלט, די תורה זאגט "כל אשר עשה טוב מאד" – אלעס איז זייער גוט, און דו קהלת ביזט עס מגנה און דו רופסט עס הבל? און דער ענטפער איז אז ער איז עס נישט מגנה, ערווארנט אונז אז מיר זאלן זיך נישט פארלירן, מען זאל נישט פארלירן ווערן אין די מיטלען אנשטאט דעם צוועק, עס איז בכלל נישט הבל.

אויב א מענטש זאגט אז חתונה האבן איז הבל, איז עס א שרעקליכע אנטוישונג. דער מענטש רעדט קעגן הקב"ה וועלכער האט געזאגט "לא טוב היות האדם לבדו", ס'איז נישט גוט צו זיין אליינס, און במילא פארשטייען מיר אז חתונה האבן איז טוב, אבער נישט פאר 'גוד טיימס'. א מענטש וואס טראכט צו גט'ן זיין ווייב, חתונה צו האבן מיט א יונגערע פרוי... ניין! דו דארפסט אנערקענען די גוטסקייט פון די ווייב וואס דו האסט, דאס איז די טוב, דאס איז די שלימות פון א מענטש.

אויב מען נוצט אויס זאכן ריכטיג, איז די וועלט טוב מאד!

פראגע

## איז א פראבלעם פאר א ישיבה בחור אנצונעמען אן ארבעט פאר בין הזמנים?

## ענטפער:

ס'איז א גרויסע פראבלעם, ווייל ער האט אנדערע, בעסערע זאכן וואס צו טון. עס איז א מורא'דיגע נארישקייט. ער גיבט אוועק לאנגע חדשים צו לערנען גמרא, און יעצט וועט אלעס אוועקגיין מיט די רויעך. אלע ארבעט פון אגאנצע זמן וועט פארלוירן ווערן.

א קלוגער ישיבה בחור נוצט אויס די צייט בין הזמנים איבערצוחזר'ן אלעס וואס ער האט געלערנט. אפילו ער גייט עס איבער נאך אויבערפלעכליך. ער זאל איבערחזר'ן די גמרא נאכאמאל און נאכאמאל אז עס זאל אים בלייבן אין זכרון. "הלומד תורה ואינה חוזר עליה דומה לאדם שזורע ואינו קוצר" – אויב מען לערנט גמרא און מען חזר'ט עס נישט איבער, איז עס ווי א מענטש וואס פלאנצט איין זאכן צו וואקסן, און ווען די צייט קומט און די תבואה ווערט רייף, באדערט ער זיך נישט עס אפצושניידן. וואספארא ווערד האט זיין ארבעט וואס ער האט אריינגעלייגט אגאנצן זמן; וואס וועט געשען צו די אלע ארבעט אויב ער חזר'ט נישט איבער?

איז דא גייט דער שוטה און ער ווערט א שלעפער אויף בין הזמנים, ער שלעפט באטלער, ער ארבעט שווער צו מאכן אפאר דאלאר; פארוואס? וואס איז די צילן? אויב ער דארף די געלט ווייל ער דארף זיך אליינס אויסהאלטן, האט ער נישט קיין ברירה. אבער אויב ער קען זיצן און לערנען און איבער'חזר'ן וואס ער האט געלערנט, דאס איז א ארבעט פאר בין הזמנים! ראטעווע זיך! דיין גאנצע לערנען וועט גיין פארלוירן; עס קען אינגאנצן פארלוירן ווערן! עס איז א טראגעדיע! מען דארף זיצן און חזר'ן און חזר'ן. דו האסט געמאכט אן אינוועסמענט דורכאויס דעם גאנצן זמן אין ישיבה, דו קענסט נישט לאזן די גאנצע אינוועסמענט פארלוירן גיין!

דערפאר זאג איך אז בין הזמנים זאל יעדער בחור ווערן פארנומען אגאנצן טאג צו לערנען און זיכער מאכן אז ער באפעסטיגט אלעס וואס ער האט אפגעארבעט דורכאויס דעם ישיבה זמן. (796)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות